## דער טויט פֿון אַ פּויק / יוסף רובינשטיין

עס איז געווען פֿאַרטאָג.
מיט מעשענעם געצאַצעכץ האָבן טאַצן זיך צעיאָגט.
געברילט האָט דער טרומייט מיט הייזעריקן קופּער.
דער באַס האָט גראָב און שיכּור זיך געזידלט.
נאָר פֿרום און צניעותדיק, ווי אויף אַ חופּה,
האָט נאָגנדיק אַ פֿידעלע געפֿידלט.
און ווי אַ דזשונגל־ווינט האָט ציטערדיק געציקלט
דער סאַקסאָפֿאָן דעם ניגון־וויי פֿון ניקל —
ביז פּלוצלינג האָט אין אימפּעט פֿון פֿאָקסטראָט
די אַלטע פּויק זיך יאָמערלעך צעבאַצט:
אָ גאָט! אָ גאָט! אָ גאָט!
און ס'האָט איר פֿאַרמעט־האַרץ אין דזשאַז־געשריי געפּלאַצט.

וואַרשע, 1939
*(פֿון מאָדעלן)*

## מוֹתוֹ שֶׁל תֹּף / יוסף רובינשטיין

עברית: ישׂראלה בקר

הַשַּׁחַר פָּקַח עַפְעַפַּיִם.
בְּזֹהַר פְּלִיז הֵנִיסוּ זוֹ אֶת זוֹ הַמְּצִלְתַּיִם.
הַחֲצוֹצְרָה אָז שָׁאֲגָה בְּקוֹל נְחֹשֶׁת עַז־צָרוּד.
הַקּוֹנְטְרַבָּס — גַּס וְשִׁכּוֹר — גִּדֵּף.
רַק הַכִּנּוֹר, כְּמוֹ בְּחֻפָּה, צָנוּעַ וְחָסוּד,
כִּנֵּר לוֹ נְעִימָה צוֹבֶטֶת לֵב.
וּכְמוֹ רוּחַ־ג'וּנְגֶל סִלְסֵל בְּרֶטֶט רַב
הַסַּקְסוֹפוֹן אֶת מַנְגִּינַת הַנִּיקֶל, שִׁיר יִסּוּרָיו —
עַד שֶׁפִּתְאוֹם בְּלַהַט סְוִינְג פָּרוּעַ לְהַפְלִיא
הַתֹּף — זָקֵן וְשָׂב — בִּבְכִי מַר אֶת עַצְמוֹ הִכָּה:
אֵלִי! אֵלִי! אֵלִי!
וְלֵב־הַקְּלָף שֶׁלּוֹ בְּזַעֲקַת־הַגֶ'ז פָּקַע.

תל-אביב, יולי 2024